י. סערעבריאַני

(1941) 12

# צו שאָלעם־אלייכעמס ארבעט איבערן „פּארקישעפּטן שנײַדער“

(פון שאָלעם=אלייכעמס שעפערישער לאבאָראטאָריע)

אן אויסגעצייכנטער מוסטער פון שאָלעם=אלייכעמס מײַסטערשאַפט און שעפערישער איבערדיכטונג פון דער פאָלקסשאפונג, — דאָס איז זײַן פרײלעכע ביז גאָר און טרויעריקע אָן א ברעג, וווּנדערלעכע מײַסע וועגן דעם „פּארקישעפּטן שנײַדער“. דאָ זײַנען אויסגענוצט א גאנצע ריי גרעסערע און קלענערע פאָרמען פונעם פאָלקלאָר און געגעבן א ריי לעבעדיקע בילדער פונעם יידישן פאָלקס=לעבן. די דאָזיקע דערציילונג, וואָס שאָלעם=אליכעם האָט אָנגעשריבן אין יאָר 1900, טראָגט שוין אין זיך אלע כיינעג פון שאָלעם=אלייכעמס פאָלקסטימלעכן הומאָר און קאָן שטיין אין איין ריי מיט זײַנע בעסטע צענטראלע ווערק. און גראדע וועגן דעם ווערק, וועגן דער ריזיקער לאבאָראטאָרישער ארבעט איבער אים, איז ווייניק באוווּסט. אין „פּארקישעפּטן שנײַדער“ זײַנען אויסגענוצט א ריי פאָלקסמײַסעס און סוזשעטן: די „אלטע“ מײַסע וועגן דעם מעלאמעד מיט דער ציג; מײַסעס וועגן גילגולים, ליבע=לידלעך, „כאדגאדיאָ“, זמירעס, פארדרייטע פסוקים=טײַטשן און אנד. באזונדערס איז דאָ אויסגענוצט די ערשטע מײַסע מיטן מעלאמעד, פון וועלכער עס ווערט געגעבן קימאט די גאנצע פאבולע. די איבעריקע מײַסעס ווערן נאָר בארירט, אין צוזאמענהאנג מיט דער „שיינער ציג“.

„— א שיינע ציג! ס'איז אזוי א ציג, ווי איך בין א רעבעצן.

— וואָס דען איז דאָס?

— א גילגל! איר זעט ניט, אז ס'איז א גילגל?..

דאָס וואָרט „גילגל“ ווערט אונטערגעכאפּט פונעם גאנצן עולעם; עס ווערן דערציילט אלערליי מײַסעס פון גילגולים, וואָס האָבן זיך געטראָגן דאָ אין זלאָדייעווקע, אין קאָזאָדאָיעווקע, אין יאָמפּעלע, אין פישי=יאבעדע, אין כאפּלאָפּאָוויטש, אין פּעטשיכוואָסט — אף דער גאנצער וועלט. ווער ווייסט ניט די מײַסע מיט ליידזער=וואָלפס פערדל, וואָס מע האָט געמוזט ארויספירן אונטערן שטאָט, הארגענען און מעקאבער זײַן אין טאכריכים?.. צי אשטייגער ווער האָט ניט געהערט די מײַסע מיטן פערטל אָפּ, וואָס בעשאס מע האָט דאָס דערלאנגט שאבעס צום טיש האָט דאָס אָנגעהויבן צו רירן מיטן פליגעלע?.. אוקעדוימע אזעלכע עמעסע מײַסעס“.

אזויארום דערמאָנט שאָלעם=אלייכעם א ריי פאָלקס=מײַסעס, וועלכע ער נוצט אויס אין זײַן קינסטלערישן שאפן אף פארשיידענע אויפאנים. די מײַסע וועגן דעם



מעלאמעד מיט דער ציג דערמאָנט שאָלעם=אלייכעם נאָך פריער, אין זײַן קאָמעדיע „יאקנעהאָז“ (1894), אין די רייד פונעם „קלוגן ספּעקוליאנט“ פּײַנקוגל, וואָס פארגלײַכט דעם יידישן בירזשעוויק צו דעם מעלאמעד מיט דער ציג:

„...א ייד, אז ער גייט ארוים אף דער בערזע, האנדלט ער מיט א מימאָנעפּשעכ, ווי דער מעלאמעד קויפט א ציג: „מימאָנעפּשעכ, זאָגט ער, וועט די ציג געבן מילכ, איז זי דאָך טאקע ווערט זיבן קערבלעך, אײַ וואָס? טאָמער גיט זי ניט קיין מילכ? פארוואָס זאָל זי ניט געבן קיין מילכ?“

ווי יעדער פאָלקס=שאפונג, האָט די דאָזיקע מײַסע מיטן מעלאמעד מיט דער ציג זייער א סאך װאריאנטן. און אָט איז אשטייגער איינער פון די דאָזיקע וואריאנטן, וואָס גייט ארײַן אין די פאָלקס=מײַסעלעך פון די כעלמער נאראָנים, — פון די כעלמער קלייקוידעש; א ווריאנט, וועלכער האָט א גרונט=שײַכעס צו שאָלעם=אלייכעמס געשיכטע מיטן פארקישעפּטן שנײַדער.

## דער כעלמער מעלאמעד

1

אין כעלם האָט געוווינט א מעלאמעד, און ווי יעדער מעלאמעד, האָט ער אויך געהאט א מעלאמעדקע. איז איינמאָל די מעלאמעדקע קראנק געוואָרן. זײַנען דער מעלאמעד און די מעלאמעדקע אוועק צו מעכאשפים, צו טאָטערס, צו גוטע=יידן עפּעס געפינען א רעפוע. האָט איין טאָטער געגעבן אן אייצע:

— זאָל די מעלאמעדקע טרינקען ציגן=מילכ, וועט זי געזונט ווערן.

דעם מעלאמעד איז די דאָזיקע אייצע געפעלן געוואָרן. ווו נעמט מען אָבער א ציג? א ציג דארף מען קויפן. צו קויפן א ציג דארף מען אָבער געלט, און קיין געלט האָט דער מעלאמעד ניט געהאט. האָט דער מעלאמעד געמוזט לײַען צען גילדן און איז אוועק אין א שטאָט, וואָס איז געווען בארימט מיט אירע גוטע ציגן. דאָרט האָט דער מעלאמעד געקויפט זייער א שיינע און א גוטע ציג.

ווען ער איז נעגאנגען צוריק אהיים, טרײַבנדיק די ציג, איז ער געווען זייער פרײלעך. און פארוואָס זאָל ער ניט זײַן פרײלעך? אָט האָט ער שוין א שיינע גוטע ציג, ניט ערגער פון די בעסטע ציגן, וואָס כעלמער באלעבאטים פארמאָגן. זײַן יידענע וועט טרינקען די גוטע ציגן=מילכ, און וועט צוריק ווערן געזונט און שטארק, פונקט ווי זי איז פריער געווען.

אזוי ווי ער גייט, דערזעט ער א קרעטשמע אפן וועג. טראכט זיך דער מעלאמעד: אויב גאָט האָט מיר שוין אזוי געהאָלפן, לאָמיר דאָ ארײַנגיין אין קרעטשמע און זיך א ביסל מעסאמייעך זײַן, טאקע אָפּעסן א גוטן טאָלצײַט.

2

געזאָגט און געטאָן. דער מעלאמעד איז צוגעגאנגען צו דער קרעטשמע. האָט פריער ארײַנגעשטעלט די ציג אין שטאָל און זי גוט צוגעבונדן צו א גראָבן שטאנג און נאָכדעם איז ער ארײַן אין קרעטשמע. ער האָט זיך ברייטלעך געזעצט צום

טיש. אופגעעפנט זײַנ טאָרבע, פונ דאָרט ארויסגענומענ ברויט אונ ציבעלע אונ זיכ גענומענ געשמאק עסנ. באם עסנ איז ער ארײַנ אינ א שמועס מיט דעם קרעטשמער. דער מעלאמעד האָט אים דערציילט, אז ער האָט בעעזראס האשעם געקויפט א ציג, שוינ איינמאָל א ציג. אזא ציג איז ניט צו געפינענ באם שענסטנ בעלמער באלעבאָס. די ציג איז פאר אים זייער נייטיק. דאָס ווײַב, לוי-אלייכעם, איז ניט מיט אלעמענ. ווענ זי וועט אָבער טרינקענ די ציגנ-מילכ, וועט זי צוריק ווערנ געזונט.

פרעגט דער קרעטשמער:

— איז די ציג אויכ א שיינע?

דער מעלאמעד האָט זיכ א ביסל פארטראכט אונ געזאָגט:

— וואָס איז שײַעכ שיינ? — געוויס איז די ציג א שיינע. זי האָט א לאנגע באָרד. זי האָט לאנגע הערנער, אונ ווענ זי לאָזט ארויס א „מע" — ציט זיכ דאָס אויכ לאנג. איינ כיסאָרנ האָט די ציג. וואָס זאָל מענ דאָ לייקענענ דעם עמעס? איר עק איז א ביסעלע קורצ. דאָס איז ער ניט שולדיק. ער האָט טאקע געזוכט א ציג מיט א לאנגנ עק, האָט ער אָבער בעשומויפנ אזעלכע ניט געפונענ. האָט מענ אים געזאָגט, אז דעם יאָר זײַנענ אלע ציגנ געבוירנ געוואָרנ מיט קורצע עקנ.

דער קרעטשמער האָט זיכ גוט אײַנגעהערט אינ דעם מעלאמעדס ווערטער אונ באלד פארשטאנענ, אז ער האָט דאָ פאר זיכ איינעם פונ די עמעסע בעלמער. דער קרעטשמער איז ניט געווענ פויל, איז ארײַנ אינ שטאל, האָט אָפגעבונדנ די ציג אונ זי אוועקגעפירט אפ אנ אנדער פלאצ אונ אפ איר אָרט אוועקגעשטעלט א צאפ.

3

ווענ דער מעלאמעד איז פארטיק געוואָרנ מיט זײַנ סודע פונ ברויט אונ ציבעלע, האָט ער זיכ פײַנ אָפגעזעגנט מיטנ קרעטשמער, איז ארײַנ אינ שטאל, אָפגעבונדנ דעם צאפ אונ איז אוועק מיט סימכע אהיים.

ווי נאָר ער איז ארײַנ אינ שטוב, האָט ער ארויסגערופנ דער מעלאמעדקע:

— נעמ, מײַנ ווײַב, אונ מעלק אויס אונדזער ציג. זי שטייט שוינ אינ הויפ אונ ווארט אפ דעם.

האָט די מעלאמעדקע גענומענ א נײַעם טאָפ, ארויס אינ הויפ, צוגעגאנגענ מעלקנ — אונ, אוי א צאָרע, א שלאק, דאָס איז גאָר קיינ ציג ניט, דאָס איז גאָר א צאפ.

זי האָט געמאכט א געשריי, איז דער מעלאמעד ארויסגעלאָפנ.

— געוויס. דאָס איז א צאפ. — האָט ער אויסגעשריִענ.

דער מעלאמעד איז געוואָרנ שרעקלעכ אינ קאס: סטײַטש, ווי נעמט מענ אונ מע נארט אים אזוי אפ? ער וועט אָבער דאָס ניט דורכלאָזנ, ער וועט שוינ קריגנ באם ראָשע אנ עמעסע ציג, ניט קיינ צאפ.

דער מעלאמעד האָט גענומענ דעם צאפ אונ זיכ געלאָזט גיינ אינ יענער שטאָט, וואָס איז אזוי בארימט מיט אירע ציגנ. צווינגענ אָט דעם ראָשע אים געבנ א ציג.



נייענדיק, האָט ער בא זיכ געטראכט: ווי האָבנ דאָס מענטשנ קיינ ברעקל יוישער ניט אונ מע נארט אזוי אָפ? איז טאקע בא זיי ניטאָ קיינ גאָט אינ הארצנ? יאָ, שלעכטע מענטשנ אפ דער וועלט.

דערווײַל איז ער פארבײַגעגאנגענ די זעלבע קרעטשמע. דער מעלאמעד האָט א טראכט געטאָנ:

— מיילע. צווישנ מענטשנ זײַנענ טאקע דאָ רעשאָים, אָבער עפעס איבערבײַסנ דארפ מענ. מ'איז דאָכ מער ניט ווי א לעבעדיקער מענטש.

דער מעלאמעד האָט ארײַנגעפירט דעם צאפ אינ שטאל ארײַנ, אים צוגעבונדנ, ארײַנ אינ קרעטשמע, זיכ געזעצט צום טיש, ארויסגענומענ זײַנ ברויט אונ ציבעלע אונ גענומענ עסנ מיט א זייער טרויעריק פאָנעם.

דערווײַל האָט ער פארפירט א שמועס מיטנ קרעטשמער. אים דערציילט זײַנע צאָרעס. אזוי אונ אזוי. אָנשטאָט א ציג האָט מענ אים פארקויפט א צאפ.

— טאָ וווהינ גייט איר איצט? — האָט געפרעגט דער קרעטשמער דעם בעלמער מעלאמעד.

— וואָס הייסט וווהינ גיי איכ? — האָט געענטפערט דער מעלאמעד. — אינ שטאָט ארײַנ גיי איכ. איכ וועל שוינ דאָרט אויסגעפינענ דעם ראָשע, אונ ער וועט מיר שוינ איבערבײַטנ דעם צאפ פאר א ציג, פאר אנ עמעסער ציג. ער וועט דאָס מוזנ טאָנ, צי ער וועט וועלנ צי ניט.

דער קרעטשמער האָט געענטפערט:

— נו, געוויס, ער וועט דאָס מוזנ טאָנ.

דער קרעטשמער האָט זיכ דערווײַל ארויסגערוקט אונ איז ארײַנ אינ שטאל. דאָרט האָט ער אָפגעבונדנ דעם צאפ אונ צוגעבונדנ די ציג.

4

ווענ דער מעלאמעד האָט זיכ פײַנ אָפגעזעגנט מיטנ קרעטשמער, איז ער ארײַנ אינ שטאל, גענומענ דעם צאפ אונ איז אוועק צום ראָשע, בא וועמענ ער האָט געקויפט די ציג.

— גוואלד, ראָשע מערושע, פארוואָס האָסטו מיכ אָפגענארט? — האָט דער מעלאמעד אָנגעהויבנ. — איכ האָב דיר באצאָלט צענ בלוטיקע גילדנ פאר א ציג, אונ דו האָסט מיר געגעבנ א צאפ.

דער פארקויפער איז ארויס אינ הויפ, האָט א קוק געטאָנ אונ געזאָגט: וואָס האָסטו זיכ צעגוואלדעוועט? דו האָסט א ציג, ניט קיינ צאפ.

דער מעלאמעד האָט געזאָגט: „אזוי גאָר? נו, גיב מיר א סימענ, אז דאָס איז אזוי".

האָט דער פארקויפער גענומענ א טאָפ אונ צוגערופנ זײַנ ווײַב. זי האָט אָנגעמאָלקנ א פולנ טאָפ מיט מילכ.

דער מעלאמעד האָט געבעטנ מעכילע באם פארקויפער אונ זיכ געלאָזט גיינ אהיים. דאָס הארצ האָט בא אים געטאנצט פונ סימכע. טאקע א ציג, מיט א

באָרד אונ הערנער, אונ גיט א פולנ טאָפּ מיט מילכ, איי דער עק איז א ביסל קורצלעכ, נו, הייַנטיקס יאָר זייַנעג אלע ציגנ אזעלכע.

איז ער פארבייַגעגאנגענ דער קרעטשמע, האָט ער א טראכט געטאָן: אויב גאָט האָט מיר שוינ אזוי געהאָלפנ, לאָמיר אריַינגיינ אונ זיכ מעסאמייעכ זייַנ.

ווידער די זעלבע מייַסע. די ציג האָט ער צוגעבונדנ אינ שטאל אונ אליינ איז ער אריַינ, זיכ געזעצט באַם טיש אונ זיכ גענומענ צו זייַנ ברויט אונ ציבעלעס.

ווידער פארפירט א שמועס מיטנ קרעטשמער, אים דערציילט די גאנצע מייַסע, אזוי אונ אזוי, איצט אָבער איז ער זיכער, אז ער פירט אהיימ אנ עמעסע ציג. ער האָט מיט זייַנע אייגענע אויגנ געזענ, ווי מע האָט פונ איר אָנגעמאָלקנ א פולנ טאָפּ מילכ.

5

דער קרעטשמער האָט זיכ באלד געטאָנ דאָס זייַניקע. צוגענומענ די ציג אונ אוועקגעשטעלט א צאפּ. דער מעלאמעד האָט זיכ פרייַלעכ געזעגנט מיטנ קרעטשמער, גענומענ דעם צאפּ אונ אוועק אהיימ.

— איי, מייַנ ווייַב, — האָט ער אויסגעשריַענ, אריַינגייענדיק אינ הויז — די ציג ווארט אפ דיר. שוינ איינמאָל א ציג. פאר מייַנע אייגענע אויגנ האָט מענ פונ איר אָנגעמאָלקנ א פולנ טאָפּ מילכ.

די מעלאמעדקע האָט באלד גענומענ דעם נייַעמ טאָפּ, האָט זיכ געלאָזט צו דער ציג אונ — וואָס איז דאָס פאר אנ אומגליק? — ס'הייבט זיכ גאָר ניט אָנ. דאָס איז א צאפּ, א צאפּ פונ צאפּנ-לאנד.

דער מעלאמעד האָט דאָס גאָר ניט געקאָנט איבערטראָגנ. ער האָט נאָר געקאָנט זאָגנ: דער ראָשע וועט שוינ קריגנ זייַנס. א ציג וועט ער מיר געבנ. קנאס וועט ער מיר באצאָלנ. ניינ, ער וועט מיר אויכ באצאָלנ פאר מייַנ צאר אונ בושע.

ווידער גענומענ דעם צאפּ אונ זיכ געלאָזט גיינ אינ וועג אריַינ. זייער טרויעריק איז געווענ דעם מעלאמעד אפנ הארצנ. א וויסטע פינצטערע וועלט. אזוי פיל פאלשע מענטשנ. מ'נעמט נעלט פאר ציגנ, אונ מ'פארקויפט צאפּעס.

פארבייַגייענדיק דער קרעטשמע, האָט זיכ דער מעלאמעד געטראכט: — נו, די וועלט איז טאקע פול מיט רעשאָים. אָבער עפּעס נעמענ אינ מויל אריַינ מוז מענ.

דער מעלאמעד האָט געטאָנ ווי געוויינלעכ, צוגעבונדנ דעם צאפּ אינ שטאל, אריַינ אינ קרעטשמע, זיכ געזעצט באַם טיש, אונ זיכ גענומענ פאר זייַנ ברויט אונ ציבעלעס.

ווידער פארפירט א שמועס מיטנ קרעטשמער. אָנגעפאנגענ פונ סאמע אָנפאנג. אזוי אונ אזוי. איצט וועט ער קומענ צום פארקויפער דעם ראָשע אונ אים באווייַזנ, וואָס דער כעלמער מעלאמעד קענ טאָנ.

— געווים דארפט איר אים באווייַזנ. — האָט דער קרעטשמער אונטערגעזאָגט אונ האָט זיכ באלד ארויסגערוקט. אריַינ אינ שטאל אונ אָפּגעטאָנ די זעלבע מייַסע: אוועקגענומענ דעם צאפּ אונ אוועקגעשטעלט די ציג.



6

דער מעלאמעד האָט זיכ ווי געוויינלעכ אָפּגעזעגנט מיטנ קרעטשמער, אריַינ אינ שטאל, אָפּגעבונדנ די ציג אונ זיכ געלאָזט גיינ אינ שטאָט אריַינ.

— ע, דו פאסקודנער שווינדלער, — האָט דער מעלאמעד געשטורעמט אפ דעמ פארקויפער — שוינ דאָס צווייטע מאָל ווי דו באשווינדלסט מיכ. איכ קויפ בא דיר א ציג, אונ דו גיסט מיר א צאפּ.

דער פארקויפער איז ארויס אינ הויף. א קוק געטאָנ אונ געזאָגט:

— וואָס ווילט איר פונ מיר? וואָס האָט איר זיכ אָנגעזעצט אפ מיר! זעט איר ניט, אז דאָס איז א ציג?

— גיט מיר א סימענ, אז דאָס איז אזוי, א סימענ! — האָט דער מעלאמעד געשריַענ.

דער פארקויפער האָט געטאָנ ווי באַם ערשטנ מאָל. זייַנ ווייַב האָט אָנגעמאָלקנ א פולנ טאָפּ מיט מילכ.

— נו, וואָס זאָגט איר איצט? — האָט דער פארקויפער געזאָגט צום מעלאמעד.

— יאָ, דאָס איז טאקע מילכ, אָבער דאָס איז פאר מיר מער קיינ סימענ ניט. אויכ דאָס פריַערדיקע מאָל איז געווענ א פולער טאָפּ מיט מילכ אונ דאָכ איז דאָס געווענ א צאפּ.

האָט דער פארקויפער געפרעגט: וואָס נאָכ פאר א סימענ זאָל איכ דיר געבנ?

דער מעלאמעד האָט געענטפערט: זאָל מיר דער ראָוו פונ שטאָט באסמענענ מיט זייַנ אייגענער האנט, אז דאָס איז א ציג, וועל איכ גלייבנ, אז דאָס איז א ציג אונ ניט קיינ צאפּ.

האָט מענ אזוי געטאָנ. מ'איז אוועק צום ראָוו. דער ראָוו האָט באטראכט די ציג, געשטעלט אויכ א פאָר איידעס, געכאסמעט מיט זייַנ אייגענער האנט א קסאוו, אז דאָס איז א ציג, אונ איבערגעגעבנ דעמ קסאוו צום מעלאמעד.

דער מעלאמעד האָט צוגענומענ דעם קסאוו מיט דער ציג אונ זיכ געלאָזנ גיינ אהיימ מאָלע סימכע. א ציג האָט ער, אי א קסאוו פונ ראָוו, אז דאָס איז א ציג.

7

דער קרעטשמער האָט זיכ ווידער געטאָנ דאָס זייַניקע, אוועקגענומענ די ציג אונ אוועקגעשטעלט דעם צאפּ אפ איר אָרט. דער מעלאמעד האָט, ווי געוויינלעכ, זיכ הארציק געזעגנט מיטנ קרעטשמער, אריַינ אינ שטאל, גענומענ דעם צאפּ אונ זיכ אוועק פרייַלעכ אהיימ.

— איצט, מייַנ ווייַב, — האָט ער ארויסגערופנ זייַנ ווייַב אינ הויפ אריַינ, — האָבנ מיר שוינ געווים א ציג. איכ האָב אפ דעם צוויי באגלייבטע איידעס אונ א קסאוו פונ א ראָוו. שנעל נעם דעם טאָפּ אונ מעלק אונדזער ציג.

די מעלאמעדקע האָט באלד געכאפּט דעם טאָפּ, האָט זיכ מיט אים א לאָז געטאָנ מעלקנ אונ — ווייַטער א צאָרע, ס'איז ניט קיינ ציג, נאָר א צאפּ. זאָגט די מעלאמעדקע: נו, ווי קאָנ איכ מעלקנ א צאפּ?



„דער פאַרקישעפטער שנײַדער" (שימען-עליע)

צייכענונג — ג. אינגער



זאָגט דער מעלאַמעד: איצט מאַכסטו שוין א גרויסן טאָעס, דאָס איז ניט קיין צאַפּ, נאָר א ציג. איך האָב א בעפּיירעשן קסאַוו פון דעם ראָוו, אז דאָס איז א ציג.

זאָגט די מעלאַמעדקע: דער קסאַוו קאָן זײַן א קסאַוו, אָבער דאָס איז פּאָרט א צאַפּ.

זאָגט דער מעלאַמעד: אויב אזוי, נעם איך אים צו אונדזער ראָוו. איך וועל שוין מיטן צאַפּ האָבן א דינמווירע פאַר אונדזער ראָוו.

האָט דער מעלאַמעד גענומען דעם צאַפּ מיטן קסאַוו, אוועק צום בעלמער רע-בע, אים דערציילט די גאַנצע מײַסע פון אַלעף ביז טאָוו.

— איצט, רעבע, — האָט געענדיקט דער מעלאַמעד, — זאָגט אַרויס אײַער פּסאַק-דינ.

דער בעלמער ראָוו האָט געקוקט אַפּנ קסאַוו און אַפּנ צאַפּ, האָט געקנײטשט דעם שטערנ, געביסנ די באָרד און ענדלעך געזאָגט: איך קאָנ דאָ אַליינ ניט פּאַס-קענענ, איך מוז האָבנ אונדזערע דאַיאָנים.

געקומענ די דאַיאָנים פונ שטאָט. גוט-גוט באַטראַכט דעם קסאַוו. ניט געזע-נענ אינ אים קיינ טאָעס. דאָרט שטייט קלאָר געשריבנ, אז דאָס איז א ציג. האָבנ זיי באַטראַכט דעם צאַפּ. יאָ, אַנ עמעסער צאַפּ. איז דאָך א קאַשע, ווי קאָנ דאָס געמאָלט זײַנ? זײַנענ דער ראָוו און די דאַיאָנים געזעסנ און געקלערט און גע-קלערט און ניט געקאָנט קומענ צו קיינ טאָלק. האָט מענ אויך גערופנ די גאַבאָים פונ שטאָט, טאָמער וועלנ זיי עפּעס אויסטראַכטנ.

זײַנענ געזעסנ דער ראָוו מיט די דאַיאָנים, מיט די גאַבאָים און געטראַכט און געטראַכט און אויך ניט געקומענ צו קיינ שאָלעם. האָט מענ גערופנ די קלײנ-טע באַלעבאַטים פונ שטאָט, טאָמער וועלנ זיי העלפנ קומענ צו א טאַכלעס. איז מענ געזעסנ גאַנצע זיבנ טעג און זיבנ נעכט, ביז גאָט האָט געהאָלפנ און מע איז געקומענ צו זײַער א קלוגנ און יוישערדיקנ פּסאַק-דינ.

אָט דאָס איז ער:

געוווּנענ דעם מישפּעט האָט טאַקע דער מעלאַמעד, ווײַל אינדערעמעסנ האָט ער געקויפט א ציג און ניט קיינ צאַפּ. געערעכט איז אָבער אויך דער צאַפּ מיט דעם, וואָס ער איז א צאַפּ. דאָס איז ניט זײַנ שולד, ווײַל אזאַ מעווע האָט שוינ בעלם: ווענ א ציג קומט אָנ אַהינ, ווערט זי פונ א ציג א צאַפּ. („בעלמער נאַ-ראָנים", ניו-יאָרק, 1929, זז. 23—32).

---

דעם „פּאַרקישעפטנ שנײַדער" האָט שאָלעם-אַליינעם אָנגעשריבנ לעבאַמבילע ווי א טייל פונ א מינ „טרילאָגיע", וואָס האָט געהייסנ: „מײַסעס אָנ א סאָף". אינ שאָלעם-אַלײכעמס בוך זײַנענ געבראַכט די טיטלענ פונ די אַלע פּאַרטראַכטע מײַסעס: , די ערשטע מײַסע — א מײַסע מיט א טעס. די אַנדערע מײַסע — א מײַסע מיט א גווילעס. די דריטע מײַסע — א מײַסע מיט א ציג.

די ערשטע מײַסע אָנ א סאָף, דאָס איז, ווײַזט אויס, שאָלעם-אַלײכעמס דער-ציילונג: „אווילעמהאַבע" (1904), א געשיכטע וועגנ דעם, וויאזוי א יונגערמאַנ איז

דורכגעפאָרנ פארבײַ א קרעטשמע אונ געטראָפנ דאָרטנ א געשטאָרבענע קרעטשמערקע. דער קרעטשמער גייט ארום איבער שטוב אונ וויינט צו זיכ אליינ: „וואָס טוט מענ, וואָס טוט מענ אונ וואָס הייבט מענ אָנ צו טאָנ“. דער יונגערמאנ נעמט זיכ אונטער אָפּצופירנ דעם מעס אינ דעם נאָענטסטנ שטעטל ארײַנ, (אדאנק וואָס ער קויפט זיכ, הייסט עס, אוילעמהאבע), אונ דאָרטנ האָט ער אויסצושטיינ א היפּש ביסל צאָרעס פונ דער כעוורע=קאדישע אונ אנד. גאבאָים אונ באלעבאטים, אונ איז איבערנ מעס ארײַנגעפאלנ אינ טורמע. די צווייטע מײַסע מיטנ גוילעמ ווערט נאָר דערמאָנט אינ דעם ערשטנ וואריאנט פונעמ „פארקישעפטנ שנײַדער“, וואָס האָט פונ אָנפאנג געהייסנ — „א מײַסע אָנ אנ עק“[1]. אינ אָט דעם דאָזיקנ וואריאנט, וואָס האָט גאָר אנ אנדער ענדע (אָדער, ריכטיקער, — גאָר קיינ ענדע ניט) ווי דער איצט באוווּסטער „פארקישעפטער שנײַדער“, ווערט צום סאָפ, אינ קלאמערנ, געזאָגט, אז „(דאָ פעלנ עטלעכע בלעטער פונעמ פינקעס, אונ די מײַסע ווערט איבערגעהאקט סאמע אינמיטנ, אונ עס הייבט זיכ אָנ א נײַע מײַסע מיט א גוילעמ, וועלכע מיר לייגנ אָפּ אויפ אנ אנדער מאָל)“.

אלזאָ, פונ די אלע דרײַ פארטראכטע מײַסעס איז נאָר איינע געווענ אָנגערופנ מיטנ „עמעסנ“ נאָמענ — „א מײַסע אָנ אנ עק“, אונ אויכ נאָר אינ דער ערשטער אויסגאבע, אינ 1901 יאָר. שפּעטער איז די דאָזיקע דערציילונג עטלעכע מאָל איבערגעארבעט געוואָרנ: איינ מאָל — פאר אָט דעם וואריאנט, וואָס מיר ווייסנ איצט, אונ א צווייטנ מאָל — פאר דער רוסישער איבערזעצונג.

אינ ערשטנ פאל איז געענדערט געוואָרנ דער הויפּט=טיטל (אָנשטאָט „א מײַסע אָנ אנ עק“, — „דער פארקישעפטער שנײַדער“) אונ, דעריקער — דער סאָפ: אינ דעם לעצטנ קאפּיטל פונ דער „קאנאָניזירטער“ אויסגאבע איז אריבערגעטראָגנ געוואָרנ דער לעצטער אבזאץ פונ פאָריקנ קאפּיטל מיט א קליינעם צוגאָב פונ אָנהייב: „איצינד לאָזנ מיר איבער דעם פארקישעפטנ שנײַדער זיכ ראנגלענ מיטנ מאלכאמאָוועס, אונ מיר גייענ אריבער צום גילגל, דאָס הייסט צו דער ציג“.

צום סאָפ פונ אבזאץ איז געמאכט א געוויסע ענדערונג, אָנשטאָט „האָט ער פאריסנ דאָס וויידעלע: האָצ — האָצ!“, — „האָט ער זיכ געלאָזט לויפנ, ווו די אויגנ טראָגנ“. אָנשטאָט דעם פריִערדיקנ אבזאץ פונ לעצטנ קאפּיטל, מיט וועלכנ עס האָט זיכ געענדיקט די ערשטע אויסגאבע; אונ אָנשטאָט דער געשיכטע פונ די כאָזאָראַיעווקער לײַט, זלאָדייעווקער באלמעלאָכעס, די פּילפּונקטנ אונ מײַסע וועגנ גוילעמ אינ קלאמערנ, וואָס זאָגט פאר דעם, אז די מײַסע איז „אָנ אנ עק“, קומט אינ דער לעצטער אויסגאבע א גאָר נײַער, צווייטער אבזאץ, וואָס מאכט יאָ אנ ענדע צו דער מײַסע, נאָר א פרייליכ=טרויעריקע ענדע:

„אונ דער שנײַדער נעבעכ?.. אונ דער האוויצע לאָנו מיזע?.. אונ דער מײַקאָמאשמעלאָנ פונ דער מײַסע? — וועט פרעגנ דער לעזער. צווינגט מיכ נישט, קינדער! דער סאָפ איז געווענ נישט קיינ גוטער סאָפ. אָנגעהויבנ האָט זיכ די מײַסע זייער פרייליכ, אונ אויסגעלאָזט האָט זי זיכ, ח' דאָס ראָוו פרייליכע געשיכטעס, אוי=וויי, זייער טרויעריק... אונ מאכמעס איר קענט דעם מעכאבער פונ דער געשיכ=

[1] „א מײַסע אָנ אנ עק“. פ״ג „בילדונג“, ווארשע. תרס״ב, (1901).

טע, אז ער איז בעטעווע ניט קיינ מאָרעשכוירעניק אונ האָט פײַנט קלאָגעדיקע אונ האָט ליב בעסער לאכנדיקע מײַסעס, אונ מאכמעס איר קענט אימ אונ ווייסט, אז ער האָט פײַנט „מאָראל“ אונ זאָגנ מוסער איז ניט זײַנ דערעכ, — לאָכיינ געזעגנט זיכ מיט אײַכ דער פארפאסער מיטויכ סכויק, לאכנדיק אונ ווינטשט אײַכ, אז ייִדנ, אונ גלאט מענטשנ אפ דער וועלט זאָלנ מער לאכנ איידער וויינענ. לאכנ איז געזונט. דאָקטוירימ הייסנ לאכנ“.

אויסער אָט די גרעסערע ענדערונגענ פאר דער לעצטער באקאנטער ייִדישער אויסגאבע קאָנ מענ אָפמערקנ נאָכ א ריי אנדערע קלענערע, דעריקער סטיליסטישע, ענדערונגענ. גרעסערע ענדערונגענ, דעריקער קירצונגענ, זײַנענ געמאכט געוואָרנ אינ דעמ ספעציעל-צוגעגרייטנ וואריאנט פאר דער רוסישער אויסגאבע. דער טיטל אונ אונטער-טיטל זײַנענ דאָ אינגאנצנ אנדערע ווי אינ ערשטנ וואריאנט, דאָ הייסט עס „דער פארקישעפטער שנײַדער.

א פרײלעכע מײַסע מיט א טרויעריקנ סאָפ.

פונ שאָלעמ-אלייכעמענ“.

אלזאָ, דאָ איז גלײַכ אומגעוואָרפנ דער פריערדיקער נאָמענ „א מײַסע אָנ אנ עק“, אונ עס רעדט זיכ גראדע קלאָר וועגנ א „סאָפ“ (דער „פינקעס“ איז דאָ ניט דערמאָנט). דער סאָפ איז אינ גרונט איבערגעמאכט ווי פאר דער ייִדישער „קאנאָניזירטער“ אויסגאבע (זע אויבנ) מיט אייניקע קליינע אויסנאמענ. דער לעצטער אבזאצ איז דאָ אזוי:

„אונדזער שנײַדער נעבעכ... צווינגט מיכ ניט, ראבויסײַ, איכ זאָל דערציילנ, וואָס איז געוועזנ דער סאָפ פונעמ פארקישעפטנ שנײַדער. דער סאָפ איז געוועזנ ניט קיינ גוטער סאָפ. אָנגעהויבנ זיכ די געשיכטע דאָזיקע פרײלעכ אונ אויסגעלאָזט האָט זי זיכ, ווי דאָס ראָוו פרײלעכע געשיכטעס, זייער טרויעריק... אונ אזוי ווי איר קענט מיכ, אז איכ בינ בעטעווע ניט קיינ מאָרעשכוירעניק אונ האָב פײַנט קלאָגעדיקע מײַסעס, לאָכיינ געזעגנט זיכ מיט אײַכ דער פארפאסער אונ ווינטשט אײַכ, אז ייִדנ אונ גלאט מענטשנ אפ דער וועלט זאָלנ מער לאכנ איידער וויינענ, לאכנ איז געזונט. דאָקטוירימ הייסנ לאכנ“... (פונ שאָלעמ-אלייכעמס האנטשריפט, געשריבנ אפ די ברעגנ פונ דער ערשטער דערמאָנטער אויסגאבע פונ 1901 — „א מײַסע אָנ אנ עק“).[1]

שאָלעמ-אלייכעמס דערציילונג „א מײַסע אָנ אנ עק“ איז, צוליב אומבאוווּסטע סיבעס, ניט ארײַנגעגאנגענ אינ זײַנע „געזאמלטע“ ווערק אינ רוסיש, וועלכע זײַנענ דערשינענ אינ די יאָרנ 1910—1913 — אינ פינוסעס איבערזעצונג. די דאָזיקע דערציילונג איז שוינ אָבער געווענ פולקומ גרייט פאר דער רוסישער אויסגאבע אונ איז אינ א געענדערטער פאָרמ איבערגעשיקט געוואָרנ פינוסנ. ווײַזט אויס, אז ניט

[1] דער עקזעמפליאר פונ דער דערציילונג — „א מײַסע אָנ אנ עק“ מיט די אייגנהאנטיקע שאָלעמ-אלייכעמישע ענדערונגענ געפינט זיכ אינעמ ארכיוו פונ אינסטיטוט „ליט“ פונ דער וויסנשאפט-אקאדעמיע פונ ווײַסרוסלאנד. ער איז אהער צוגעשיקט געוואָרנ דורכ שאָלעמ-אלייכעמס רוסישנ איבערזעצער יולי אָסיפאָוויטש פינוס, צוזאמענ מיט א גרויסער צאָל שאָלעמ-אלייכעמס בריוו צומ איבערזעצער פאר די יאָרנ 1910—1913.



געקוקט אפ די פילצאָליקע ענדערונגענ אונ קירצונגענ איז דער „פארקישעפטער שנײַדער“ דאָכ ניט געווענ צוגעפאסט פאר דער רוסישער איבערזעצונג; צופיל איז דאָס דאָזיקע ווערק איבערגעפולט מיט פאָלקלאָרישנ אונ עטנאָגראפישנ מאטעריאל, מיט א גאנצער ריי אידיאָמאטישע אויסדריקנ, וואָס אינ רוסיש (אונ בכלל אינ אנ אנדער שפראכ) איז עס שווער איבערצוגעבנ. דאָס קאָנ מענ זענ כאָטש פונ דער „פרײַער“ (מיט אָנ א שיר קופיורנ אונ ענדערונגענ) איבערזעצונג פונ ס. העכט, וואָס איז ארויס אינ א באזונדער אויסגאבע אינ 1926 יאָר, אינ דער סעריע „ביבליאָטעק פונ סאטירע אונ הומאָר“.

דאָס ווערק האָט דאָ אָנגעוואָרנ דעמ גאנצנ טאמ פונעמ ייִדישנ אָריגינאל (איבערגעזעצט איז עס פונעמ לעצטנ וואריאנט), מע רעדט שוינ ניט פונ די ליאפסוסנ, וואָס עס זײַנענ דאָ פאראנ. אשטייגער, שאָלעמ-אלייכעמס זשארגאָניזירטער אפאָריזמ, וואָס עס זאָגט שימענ-עליע-שמא-קוויליינו „יאָע אנאָיוסאָ לעיסראָעל קעמשע-ריוויטשקע קראסני לעדיוווקאָ כיווראָ“, וואָס אפ ייִדיש הייסט עס: פאר א ייִדנ פאסט אָרעמקײַט, ווי פאר א ווײַס מיידל שיינע שיכ (פאראנ אויכ כיווראָ א נאָמענ פונ אנ אוקראַיִניש מיידל). דאָ האָבנ מיר א געמיש פונ א טאלמודישנ אפאָריזמ מיט אוקראַיִנישע ווערטער, וואָס ווערנ אויסערלעכ פארייניקט אונ גיבנ אנ אומדערווארטעטנ קאָמישנ עפעקט. בא העכטנ איז עס איבערגעזעצט: „Красит еврея бедность, как красные черевички.., Ривку-Ховру“. עפשער איז דאָס א דרוק-פעלער מעגלעכ, אז דער איבערזעצער האָט אלפי-טאָעס אָנגענומענ דעמ „ד“ פאר א „ר“, וואָס איז אינ ייִדישנ שריפט, ווי באוווּסט (אויב ער איז נאָכ אנ אלטער אונ אנ אָפגעריבענער), אָפט שווער צו דערקענענ, סײַדנ מיט דער לאָגיק, אָבער די לאָגיק פונעמ דאָזיקנ פאָסעק שימענ-עליעס איז אנ אייגנארטיקע אונ ניט אלע קאָנענ עס דערפילנ...

די דערציילונג „א מײַסע אָנ אנ עק“, מיט אלע יענע ענדערונגענ, וועלכע זײַנענ ארײַנגעטראָגנ געוואָרנ פונ שאָלעמ-אלייכעמענ, האָבנ פאר אונדז א ביז גאָר וויכטיקע באדײַטונג. ערשטנס, וואָס די ענדערונגענ זײַנענ דאָ געמאכט געוואָרנ מיט שאָלעמ-אלייכעמס האנט אונ איז אינ דער פאָרמ נאָכ ערגעצ ניט פובליקירט געוואָרנ; צווייטנס, דער כ א ר א ק ט ע ר פונ די ענדערונגענ, וואָס ווערנ דאָ ארײַנגעטראָגנ.

דער אינטערעס צו שאָלעמ-אלייכעמס שאפנ איז בא אונדז אינ סאָוועטנפארבאנד א גרויסער, אונ די דאָזיקע שאָלעמ-אלייכעמס ענדערונגענ אינ זײַנעמ א ווערק פאר דער רוסישער איבערזעצונג קאָנענ האָבנ א גרויסנ פרינציפיעלנ אונ פראקטישנ אינטערעס פארנ רוסישנ איבערזעצער. מיר האָבנ דאָ אינ דער פראקטיק די רעאליזאציע פונ שאָלעמ-אלייכעמס איבערזעצונג-פרינציפנ, וועלכע ווערנ ארויסגעשטעלט אינ זײַנע פילצאָליקע בריוו צו פינוסנ אונ, אויסער דעמ, א ריי נײַע מאָמענטנ אונ פרינציפנ, וואָס זײַנענ אנטשטאנענ אינ פראָצעס פונ שאָלעמ-אלייכעמס פערזענלעכער ארבעט איבערנ ווערק.

עמעס, ניט אלצ, וואָס שאָלעמ-אלייכעמ רוקט ארויס, דארפ אומבאדינגט אָנגענומענ ווערנ. עס מוז דאָ זײַנ א קריטישער צוגאנג, ווײַל די דאָזיקע פרינציפנ זײַנענ ענג פארבונדנ מיט דער צײַט אונ געזעלשאפט פונ יענע יאָרנ. עס זײַנענ פאראנ,

אשטייגער, ענדערונגענ צוליב צענזור=טײַמים און אנד., וועלכע האָבנ פאר אונדז א גאָר פארקערטע באדײַטונג. דער סאָוועטישער איבערזעצער דארפ עס נאטירלעכ אלצ נעמענ אינ אכט.

די ענדערונגענ און אויסבעסערונגענ זײַנענ דאָ דעריקער געגאנגענ אפ דער ליניע פונ קירצנ. און אויב עס איז וו=ניט=וו צוגעשריבנ עפעס, איז עס ניט אזוי צוליב ארײַנטראָגנ עפעס נײַס אינעם סוזשעט, נאָר קעדיי צונויפצױענ און פארגלעטנ יענע בלויזנ, וואָס בילדנ זיכ אויס אינעם ווערק אינ פראָצעס פונ קירצנ. א גרעסערנ צוגאָב איז נאָכ דעמ אווטאָר אויסגעקומענ צו מאכנ באמ סאָפ פונעמ ווערק, ווי מיר האָבנ שוינ געזענ. סטיליסטיש האָט דאָ שאָלעמ=אלייכעמ גאָרנישט געענדערט, אויסער אייניקע געציילטע ווערטער (צב. אפ זײַט 43: „האָט דער ראָוו אָפגעפאסקודעט", — ...„אָפגעפאסקעט" און אנד.).

אזויארומ האָבנ מיר דאָ צו טאָנ אינ גרונט נאָכ מיט איינ פראגע: *פעסטשטעלנ די מאָטיוונ פונ דער אָדער יענער קירצונג*. מאָטיוונ זײַנענ דאָ פארשיידענע, און אלע האָבנ זיי פאר אונדז אנ אינטערעס. ניט נעמענדיק אינ אכט די איבערכאזערונגענ פונ דער אָדער יענער קירצונג (צוליב די זעלבע מאָטיוונ), קאָנ מענ דאָ אויסטיילנ בא פערצנערליי קירצונגענ.

I. אפ זײַט 1 זײַנענ ארויסגעוואָרפנ די העברעיִשע רײדארטנ: איש האָיאָ בעזלאָדייעווקע, וועהאָיאָ האָיִש כאיאָט און אנד.

II. פארקירצט די געאָגראפישע און ביאָגראפישע באשרײַבונגענ: דאָס שטעטל זלאָדייעווקע, ווערט דערציילט, „ליגט אינ מאזעפעווקער געגנט, ניט ווײַט פונ יעהופעצ", און גאָר. אָנשטאָט: „א שטעטל, וואָס ליגט אינ דער סוויווע פונ מאזעפעווקע, ניט ווײַט פונ כאפלאפאָוויטש און קאָזאָדאָיעווקע, צווישנ יאמפעלע און צווישנ סטרישטש" אאוו. פונ דער ביאָגראפיע ווערט ארויסגעלאָזנ דער העברעיִשער צונעמעניש „שמא=קוליינו" און די מאָטיווירונג פונעמ צונעמעניש: מאכמעס באמ דאווענענ אינ שול האָט ער א מעווע שרײַענ, ארבעטנ, זינגענ און ציקלענ זיכ אפ קולייקולעס. (דעמ דאָזיקנ צונעמעניש האָט שאָלעמ=אלייכעמ אפאָנעמ פארגעסנ אויסמעקנ אפ די ז. 9, 11).

אָט שוינ דאָ, אפ דער ערשטער זײַט, האָט שוינ שאָלעמ=אלייכעמ רעאליזירט אייניקע פרינציפנ פונ איבערזעצנ, וואָס ער שטעלט ארויס אינ זײַנע בריוו צו פינסנ: 1) פארקירצנ ווי ווײַט מעגלעכ פסוקימ און מאָמענטנ פונעמ יידישנ רעליגיעזנ שטייגער, וואָס איז ניט אינטערעסאנט און וועט ניט דערגיינ צומ ניט יידישנ לייענער; 2) ווי ווײַט מעגלעכ פארקירצנ און ארויסוואַרפנ יענע ספעציפישע, אידיאָמאטישע אויסדריקנ, דעמ שפיל פונ קלאנגענ און מיינענ, וועלכע זײַנענ שווער איבערצוזעצנ און פארלירנ אָפט זייער הומאָריסטישנ טאמ בא דעמ ניט יידישנ לייענער (עס ווערנ פארקירצט: כאפלאפאָוויטש און קאָזאָדאָיעווקע, יאמפעלע און סטרישטש, פישי=יאבעדע און פעטשיכוואָסט אאוו. ענלעכע ענדערונגענ זע אויכ אפ די זײַטנ 4, 5, 15 און אנד.).

III. אפ זײַט 5 איז פארקירצט די באשרײַבונג פונ עליענ. אָנשטאָט „ארומגעשטעקט מיט נאָדלענ און מיט שטיקלעכ וואטנ", — „ארומגעשטעקט מיט שטיקלעכ וואטנ". דאָ האָט שאָלעמ=אלייכעמ פאָשעט אויסגעבעסערט דעמ זאצ און גע=



מאכט קלאָרער דעמ געדאנק, ווײַל לויטנ זאצ: „ארומגעשטעקט מיט נאָדלענ און מיט שטיקלעכ וואטנ אינ די געקרײַזלטע שווארצע האָר", קאָנ זיכ דוכטנ, אז די „געקרײַזלטע שווארצע האָר" זײַנענ אויכ ארומגעשטעקט מיט נאָדלענ. עמעס, אינ דעמ „קאָנאָניזירטנ" וואריאנט איז עס געבליבנ ווי געווענ.

IV. אפ זײַט 6 איז פארקירצט: „הערסטו? איכ וועל דיר די גאנצע טוירע דײַנע אוועקגעבנ פאר איינ באָרשט א מילכיקנ". דאָס האָט שאָלעמ=אלייכעמ אפאָנעמ פארקירצט צוליב טאקטישע טײַמימ, ווײַל אינ רוסיש וואָלט דער דאָזיקער אויסדרוק באקומענ גאָר אנ אנדערנ, טרוקענעמ קלאנג, און וואָלט פארלאָרנ זײַנ פאָלקסטימלעכ=הומאָריסטישנ, שטייגערישנ טאמ. דאָס זעלבע אפ זײַט 17 איז פארקירצט די „געמאָרע" אסקאקורדע דעבארבאנטע דעפארשמאכטע דעקאָרגאָסטע. אפ רוסיש וואָלט זיכ אינגאנצנ פארלאָרנ דער עפעקט, וואָס אפ יידיש ווערט עס דערגרייכט דערפאר, ווײַל אויסערלעכ איז די דאָזיקע אומגעלומפערטע פראזע ענלעכ אפ דער געמאָרע=שפראכ.

V. אפ זײַט 8 איז פארקירצט: „אָנ פינגער קאָנ מענ קיינ פײַג ניט שטעלנ". די פארקירצונג קאָנ דערקלערט ווערנ מיט צוויי מאָמענטנ: ערשטנס, מיט דעמ, וואָס דער דאָזיקער פיגורעלער געדאנק איז שוינ פריער צוויי מאָל פיגורעל ארויסגעזאָגט געוואָרנ: „אז ס'איז כאָלילע נישטאָ די מאטבייע, דעמאָלט איז אָני כאָשוו קעמעס, מאכט ראשע: ניטאָ פאפע, גיי ליולי"; צווייטנס, קאָנ מענ עס דערקלערנ מיט דעמ, וואָס עס איז פאָשעט שווער צו געפינענ דעמ געהעריקנ אדעקוואט אינ רוסיש (זע אויכ אפ זײַט 15 איז פארקירצט: „אָדאָמ א מענטש, ציפוויר א פויגל, קאטשקע רוק זיכ"). אפ דער זעלבער זײַט איז פארקירצט די גאנצע אווטאָרישע באשרײַבונג, וויאזוי ציפע=ביילע=רייזע טײַנעט מיט שימענ=עליענ און וויאזוי זי לייגט אימ „נײַנ איילנ אינ דער ערד", לערנענדיק אימ ווי זיכ צו האלטנ באמ קויפנ די ציג. עס ווערט נאָר איבערגעלאָזנ די פריערדיקע דירעקטע ארויסזאָגונג און קלאָלע פונ ציפע=ביילע=רייזענ, ווײַל צו וואָס זיכ אזוי פארשפרייטנ מיט „אלצ די אייגענע טײַנעס".

VI. אפ זײַט 12—13 איז ארויסגעוואָרפנ א היפשער שטיק טעקסט, וואָס איז דורכגעפלאָכטנ מיט פסוקימ, מיט פארדרייטע טײַטשנ און מיט ספעציפיש=קלעריקאלע אויסדרוקנ ווי „גאָיִמ, לעהאוודל" און „קאָשערע יידנ", וואָס אפ רוסיש וואָלט עס געקלונגענ מאמעש שרײַענדיק און אומדערוואַרטעט.

VII. אפ זײַט 16 איז ארויסגעוואָרפנ דער דיאלאָג:

„— טשויעש, טשויעש! א שאָ טאָבי זא קורקע?

— יאקא קורקאָ — צע פיוענ, א נע קורקאָ!

— נעכײַ בודע פיוענ! א שאָ טאָבי זא קורקע?"

אָט דאָס, צוזאמענ מיט דער יידישער איבערזעצונג האָט שאָלעמ=אלייכעמ אויסגעמעקט. ער האָט ניט געוואָלט, ווײַזט אויס, פארנ רוסישנ לייענער ארויסברענגענ זײַנ איראָניע איבער די יידישע ווײַבער, וואָס קויפנ הינער אינ מארק און קענענ זיכ ניט צונויפרײדנ מיט א מענטשנ.

VIII. אפ זײַט 13 איז פארקירצט די אָפטע איבערכאזערונג: „עפשער האָט איר געהאָרכט פונ מיר, איכ בינ שימענ=עליע כאיעמ מק"ק זלאָדייעווקע, בעוורעמאנ

אין צעכ און גאַבע אין שנײַדערשן שולכן, כאָטש איך דארף דאָס אפ קאַפּאָרעס! לוי מעוקצאָכ וועלוי מעדוקצאָכ — איך בין אײַך מויכל, זאָג איך, די פּעטש, איך וויל ניט קיין קאָוועד!..“

דאָס איז א צו קאָמפּליצירטער זאַץ אפ איבערזעצן אין רוסיש, און ווער ווייסט, צי עס וואָלט בכלל דערגיין צום ניט ייִדישן לייענער.

אפ זײַט 19—20 איז אויך ארויסגעוואָרפן די איבערכאַזערונג וועגן דעם, וואָס ציפּע־ביילע־רייזע האָט זיך אײַנגעשפּארט, זי וויל א ציג אַאוו. אפ זײַט 20 איז פארקירצט, וויאַזוי טעמע־גיטל האָט איבערגעהאַקט דעם „האקצאַאקאָסאָ“. דער געדאַנק איז קלאָר אָן דעם. און דעם ניט ייִדישן לייענער וועט עס גאָרניט צוגעבן.

IX. אפ זײַט 21 זײַנען פארקירצט גאַנצע 4 אבזאַצן, וואָס באַשרײַבן די ווײַטערדיקע דינגעניש צווישן טעמע־גיטלען און שימען־עליען. די דינגעניש איז דאָ ניט אָבליגאַטאָריש, ווײַל פאר דעם גייען שוין די רייד פון כאָים־כאָנע דעם מעלאמעד, וועלכער קאָן שוין ניט איבערטראָגן די דינגעניש: „ציג־ציג! ציג־ציג! סע ציגט מיר שוין אין קאָפּ ציגט מיר“.

X. אפ זײַט 27 איז פארקירצט די באַשרײַבונג פון שימען־עליעס כאָלעם מיט דעם מאַלבוש זײַנעם. די שאַבעסדיקע קאַפּאָטע, וועלכע ער האָט זיך אַלפּי־טאָעס געקליבן איבערניצעווען, און געגעבן א פארקירצטע באַשרײַבונג וועגן „פולע קריגלעך מיט מילך און נאָך א סאך אַזעלכע גוטע זאכן, וואָס האָבן דעם טאַם געניידן און שמעקן אַזוי זיס, אז עס צעגייט זיך אין יעדן איווער“. אָנשטאָט דער פּרטיערדיקער ברייטערער באַשרײַבונג פון דער צעקוועטשטער וואַנץ און פון דעם רייעך, וואָס עס האָט זיך שימען־עליען אויסגעדאַכט אין כאָלעם ווי „עפּעס א מאָדנער רייעך“ אַאוו. עס בלײַבט נאָר איבער, ווי שימען־עליע כאַפּט זיך אוף און „עס שאַרנעט אפ טאָג“.

פון דער דאָזיקער אָפּעראַציע איז דאָ דער סוזשעט געוואָרן מער קאָנצענטרירט און לאָגישער. שימען־עליען האָט זיך טאקע איצט געקאָנט כאָלעמען אַזעלכע זאכן, וואָס זײַנען פארבונדן מיט דער ציג און מיט מילכיקס.

XI. אפ זײַט 34 איז ארויסגעוואָרפן און פארקירצט פון קאַפּיטל „ז“ דעם מעלאמעדס „מעלאָכע“ און וואָס זײַנע טאַלמידים האָבן געלערנט, און דער געשפּרעך פון שימען־עליען מיטן מעלאמעד איז איבערגעגעבן זייער קורץ, אָן מײַסעס און „מעשאָלים“, אפ וועלכע שימען־עליע איז א מײַסטער.

XII. אפ זײַטן 36—37 איז פארקירצט די לענגערע באַשרײַבונג פונעם ראָוו, ווי ער זאָגט „אשער־יאָצער“ אַאוו. און אנד. באַמערקונגען, און איבערגעלאָזן נאָר יענץ אָרט, וואָס שילדערט דעם ראָוו, וויאַזוי ער איז געזעסן „אפ זײַן שטול אָן א געזעסל, נאָר פּיסלעך מיט פּערעמטשעס אלטע, גלאַנצנדיקע און שאָקלענדיקע, ווי אלטע ציין בא אן אלטן מענטשן, וואָס וואָלטן שוין לאַנג באַדאַרפט ארויספאלן, נאָר זיי האַלטן זיך אפ ניסים“.

דאָ איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן די איראָניע איבערן ראָוו, וואָס פארנעמט אן עפּיזאָדיש אָרט אין ווערק און פארפירט א ביסל אָן א זײַט פונעם סוזשעט.

עס איז דאָ אויך ווידער פארקירצט שימען־עליעס מײַסע, וועלכע ער כאַזערט שטענדיק איבער, אז ער הייסט שימען־עליע מק״ק זלאָדייעווקע, כעווערמאַן אין דעם



צעכ און גאַבע אין שולכן אַאוו. אָנשטאָט דעם שרײַבט ש״א קורץ: „און שימען־עליע דער שנײַדער האָט זיך נישט געפוילט איבערכאַזערן נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל די אייגענע מײַסע פון אָנהייב ביזן סאָף. ניט דורכגעלאָזט קיין קלייניקײַט, מיט א פּאָר טוירע־ווערטער, פּסוקים און מעשאָלים, ווי זײַן שטייגער איז“.

XIII. אפ די זײַטן 44—50 פארקירצט גאַנצע זעקס זײַטן. ערשטנס, איז דאָ ארויסגעוואָרפן געוואָרן די גלענצנדיקע סאַטירע אפ די זלאָדייעווקער כעווערעס דאַבאָנים און דאַיאָנים. א סאַטירע, וואָס דערמאָנט אן און פאר זיך מענדעלעס „טאַקסע“. זי פארפירט אָבער ווידער אָן א זײַט פון דער איצט מער קאָנצענטרירטער מײַסע, וואָס הייסט: „א פריילעכע מײַסע מיט א טרויעריקן סאָף“. צווייטנס, איז דאָ ארויסגעוואָרפן די געשיכטע מיט דער זלאָדייעווקער „אקציזניטשקע“, צו וועלכער שימען־עליע גייט ארײַן נעמען א ביסל בראַנפן און זיך אויסקלאָגן דאָס האַרץ. אָט דאָס אָרט איז געווים ארויסגעוואָרפן, אויסער אלץ, אויך צוליב צענזור־טײַמים, ווײַל דאָ ווערט נאָך דערציילט פון דעם, וויאַזוי די „אקציזניטשקע“ איז „אויסגעבונדן מיט גאַנצע „נאַטשאַלסטווע“ און „א גוטע שוועסטער מיט אלע באַלמעלאָכעס אין שטאָט“. אגעוו, איז שוין דאָ דערווײַל פארקירצט געוואָרן א פאָלקס־לידל, וואָס איז געשאַפן געוואָרן איבער דער „אקציזניטשקע“, איבער א מײַסע מיט אן אקציזניק (דערפאר רופט מען זי טאקע „אקציזניטשקע“).

„מע האָט געזאָגט, אז זי איז גאָר געווען פארקאָכט אינעם אקציזניק, און מע האָט געמאַכט א לידל אפ איר, וואָס ווײַבלעך און מיידלעך זינגען דאָס נאָך אדהײַעם אין זלאָדייעווקע; דאָס לידל הייבט זיך אָן מיט די ווערטער:

„די לעוואָנע האָט געשײַנט,<br>
האַלבע נאַכט איז געווען —<br>
און האָדעלע זיצט בא דער טיר“...

און עס לאָזט זיך אוים מיט די ווערטער:

„איך האָב דיך ליב, דושינקע,<br>
גאָר אָן אן עק.<br>
איך קאָן אזש ניט לעבן אָן דיר!“ (זז. 48—49).

אפ זײַט 56—58 ווידער א פארקירצונג פון זעלבן כאַראַקטער. ארויסגעוואָרפן קימאַט 3 זײַטן, וווּ עס פיגורירן ווידער די אקציזניטשקע, די קריגערישע צעבונטעוועטע באַלמעלאָכעס און אויסער דעם אויך די קאָזאָדאָיעווקער טווויי־איר, די נעגידים. אָנשטאָט דעם איז אינקורצן איבערגעגעבן אין דעם אָנהייב פון דעם קאַפּיטל „יב“: „אצינד לאָזן מיר איבער דעם שנײַדער זיך ראַנגלען מיטן מאַלכאַמאָוועס און מיר גייען איבער צום גילגל, דאָס הייסט — צו דער ציג“. אין דער „קאַנאָנירטער“ ייִדישער אויסגאַבע איז דער זאַץ א ביסל אן אנדערער: „קאָיים — אצינד לאָזן מיר איבער דעם פארקישעפּטן שנײַדער זיך ראַנגלען מיטן מאַלכאַמאָוועס און כעווערע באַלמעלאָכעס זיך גרייטן צו מילכאָמע און מיר גייען אריבער צום גילגל, דאָס הייסט צו דער ציג“. דאָס איז גאַנץ פארשטענדלעך, ווײַל

די מײַסע מיט די באַלמעלאָכעס מיט זײער „גרײטנ זיכ צו מילכאָמע“ איז דאָכ אינעמ „רוסישנ“ װאַריאַנט אינגאַנצנ אַרױסגעפאַלנ פונ טעקסט.

XIV. דער סאָפ (ז. 59—60) איז אינגאַנצנ איבערגעמאַכט. אָנשטאָט דער קורצער, ניט פאַרענדיקטער, נאָר פילדײַטנדיקער שילדערונג, װיאַזױ די זלאָדײעװקער באַלמעלאָכעס האָבנ זיכ געקליבנ מילכאָמע האַלטנ מיט קאָזאָדאָיעװקע אונ די פּאַ-ניק, װאָס האָט אַרומגעכאַפּט קאָזאָדאָיעװקע, די מעסירעס צו „נאַטשאַלסטװע“, אַז די זלאָדײעװקער באַלמעלאָכעס „בונטעװענ זיכ“, דער געלעכטער פונ דער נאַטשאַל-סטװע פונ דעמ, װאָס ייִדנ, „לײַבסערדאַקעס“, „פּאָנטשאָכעס“ זאָלנ זיכ בונטעװענ, אונ די װירקלעכע פּאַניק, װאָס עס איז געװאָרנ אינ קאָזאָדאָיעװקע, װענ מע האָט זיכ דערװוסט, אַז די זלאָדײעװקער באַלמעלאָכעס גײענ טאַקע, נישט אָפּ קאַטאָ-װעס, אונ דעריקער, די סוידעספולע ענדונג: „אונ נאַטשאַלסטװע“, מיט פילפּונקטנ; דער „פינקעס“, װאָס װערט „איבערגעהאַקט סאַמע אינ מיטנ“ (זע פריער אינ די קלאַמערנ. אױכ די מײַסע מיטנ גױלעמ. דאָרטנ)—אָנשטאָט דעמ אַלצ ברענגט דאָ אַרײַנ שאָלעמ-אַלײכעמ דעמ סאָפ פונ פאָריקנ קאַפּיטל אונ שרײַבט צו אױסער דעמ א נײַעמ עלעגישנ אַבזאַצ: „אונדזער שנײַדער נעבעכ“ אאַװ. (זע פריער), אונ אָפּ דעמ איז געענדיקט.

די דאָזיקע פאַרקירצונג קאָנ דערקלערט װערנ סײַ מיט צענזור-טעמימ אונ סײַ מיט די ספּעציעלע קינסטלערישע אופגאַבעס פונעמ װערק — „א פרײלעכע מײַסע מיט א טרױעריקנ סאָפ“.

אינ לעצטנ סאַכאַקל איז אַרױסגעפאַלנ א גאַנצער קאַפּיטל (י״ג). אונ די קאַפּיט-לענ, װאָס זײַנענ געבליבנ אינ װערק, זײַנענ געװאָרנ א סאַכ קירצער אונ דער סוזשעט איז אַרױסגעקומענ א מער קאָנצענטרירטער. שאָלעמ-אַלײכעמס אַרבעט באַ-װײַזט, װי שאָלעמ-אַלײכעמ באַגײט זיכ מיט דער פאָלקס-שאַפונג װי אַנ עמעסער װירטואָז, א „קישעפמאַכער“, װעמענ די פאָלקלאָר-עלעמענטנ זײַנענ שטענדיק „גע-האָרכזאַמ“ אונ העלפט מיט צו שאַפנ נײַע רעאַליסטישע פאָלקסטימלעכע פאַראַל-געמײנערונגענ.

פונ דעמ „מעלאַמעד מיט דער ציג“ איז געװאָרנ א רעאַליסטישע געשיכטע פונ א „פאַרקישעפטנ שנײַדער“, בילדער פונ נױט אונ עלנט, סאָציאַלע ראַנגלענישנ אונ אָפּקומענישנ, װאָס עס שטײט אױס א געװײנלעכער פאָלקס-מענטש אינ דעמ פאַר-װאָרפענעמ, גרױענ צאַרישנ טכומ.

אינ דעמ „פאַרקישעפטנ שנײַדער“ זײַנענ אױסגענוצט אָנ א שיר פאַרשײדענע פאָרמענ פונ דער פאָלקס-שאַפונג. דאָ זײַנענ שױנ אױכ אָנגעװענדט אינ א גרױסער מאָס (אונ א סאַכ פאַרביקער װי אינ דער דראַמע „יאַקנעהאָז“) די פאַרדרײטע פאָלקסטימלעכע פסוקים-טײַטשנ, װאָס מיר טרעפנ שפּעטער נאָכ אינ א העכערער קינסטלערישער רעאַליזאַציע אינ „טעװיע דעמ מילכיקנ“.

ש. מירער

# צו דער טעמע; שאָלעמ-אַלײכעמ אונ פאָלקלאָר

א גילגל פונ א ציג

פאַרבאַמערקונג. די דאָזיקע פאָלקס-מײַסע האָט כ׳ מירער פאַרשריבנ אינעמ יאָר 1928 אינ ליאַדי, װײַסרוסלאַנד. דערצײלט האָט זי אימ שאָלעמ געזינ, א בלעכער, 65 יאָר אַלט, װאָס האָט זי גע-הערט צוריק מיט עטלעכע אונ דרײַסיק יאָר. די דאָזיקע מײַסע פלעגט מענ ביטמימעס דערצײלנ טאַקע װי א פאַקט, װאָס האָט זיכ געטראָפנ. די פאָלקס-מײַסע װעגנ דעמ מעלאַמעד מיט דער ציג האָט זיכ דאָ פאַרװאַנדלט אינ אַנ אַנטיכסידישער פאָלקס-מײַסע.

די רעדאַקציע

אַמאָל איז אינ ליאַדי דער רעבע ניט געזונט געװאָרנ. האָבנ זיכ די כסידימ גע-שטאַרעט אַראָפּברענגענ א גרױסנ דאָקטער. האָט דער דאָקטער געזאָגט, אַז דער רעבע מוז טרינקענ פרישע ציגענע מילכ.

איז דאָכ ניט קעדײַ צו זוכנ אינ ליאַדי א ציג, אַז ניט װײַט פונ ליאַדי איז פאַראַנ א שטעטעלע באַיעװ, פול מיט ציגנ. איז געבליבנ בעהעסקעמ, מע זאָל פאָרנ נאָכ א ציג קײנ באַיעװ. זײַנענ אָװעקגעפאָרנ פונ ליאַדי דרײַ כסידימ, פונ די גע-הײבענע, װאָס זײַנענ נאָענט צומ רעבנ, אינ קאַפּאָטעס, מיט פאַנטאָפל, פאַרגאַרטלטע.

אינ באַיעװ האָט געהאַלטנ א קרעטשמע א באַלעבאָס א מיסנאַגעד, שײַקע טאָ-דרעס. האָט ער זיכ גערופנ. זײַנענ צו אימ פאַרפאָרנ די כסידימ. מע האָט גענומענ א ביסל מאַשקע מיט פאַרבײַסנ, אונ מע האָט זיכ פאַנאַנדערגערעדט מיטנ באַל-קרעטשמע. פרעגט דער באַלקרעטשמע:

— װוּהינ פאָרט איר?

דערצײלנ זײ אימ, אַז זײ זײַנענ געקומענ קײנ באַיעװ קױפנ א ציג, העיױמ װי דער רעבע, זאָל לעבנ, איז ניט געזונט אונ עס איז געװענ א גרױסער דאָקטער אונ האָט געזאָגט, אַז די אײנציקע רעפוע זײַנע איז, ער זאָל טרינקענ פרישע ציגענע מילכ.

אַז שײַקע דער מיסנאַגעד האָט געהערט, אַז די כסידימ זײַנענ געקומענ האַנד-לענ א ציג פאַרנ רעבנס געזונט, האָט ער זײ געזאָגט אַזױ:

— ניט זשאַלעװעט, ראַבױסײַ, קײנ טירכע אונ טוט א פאָר קײנ ראָמאַנעװ. דאָרטנ איז פאַראַנ מאָשע דער מילכיקער אונ ער איז א פײַערדיקער כאָסיד, װעט ער דעמ רעבנ צוליב אָפּלאָזנ די בעסטע ציג טאַקע פונ ציגנלאַנד, װעט דאָס זײַנ פאַרנ רעבנ, זאָל לעבנ, א רעפוע-שלײמע.

דעמ מיסנאַגידס אײצע איז די כסידימ געפעלנ געװאָרנ. װוּ איז דאָס געהערט געװאָרנ, אַז א כאָסיד זאָל זשאַלעװענ א טירכע צוליב דעמ גאָדל-האַדאָר? זײַנענ די דרײַ כסידימ טײקעפ אַװעקגעפאָרנ קײנ ראָמאַנעװ, צו מאָשע דעמ מיל-כיקנ, אונ האָבנ בא אימ אָפּגעקױפט די בעסטע ציג פאַר דעמ רעבנ.

SERËBRIANI, Y. 1941

ש״עס אַרבעט א׳ דרזן פּאָליציאָנעלן שעזשער

400 – originally planned as a trilogy of endless stories:
אולם הבל (1904) – a story about a corpse; ② story of a goylem ③ story of a goat

401 – 1901 variant ends:
[illegible]
[illegible]
[illegible]

402 – S-A shortened and altered first variant for Russian ed.

406 – omitted the episode of the rov saying [illegible]
– renamed [illegible] to [illegible]

407 – omitted the episode of the [illegible], for censorship reasons
– also omitted the readiness of the artisans to go into battle against the other town

408 – original version ends with panic breaking out in Kozodoyevke when they learn of the impending attack
– all this omitted in 2nd recension
– chap. ג׳ omitted altogether

pp. 395-400 Chelm story from 32-23, 1929 נ׳ כעלמער נײַעס